# רבי אביגדור ענטפערט...



שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך
הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב
רבי **אביגדור מיללער** זצ"ל
ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

ואתחנן
תשי"פ לפ"ק
גליון קל"א

**פראגע**

## איז ריכטיג צו דינען דעם אויבערשטן "בשמחה", ווען אנדערע מענטשן ליידן צרות?

**ענטפער:**

א מענטש דארף קענען אַנטיילן זיין מח. איך וועל אייך געבן א ביישפיל. בלויז לעצטנס האבן מיר געהאט תשעה באב. מיר זענען געזעסן אויף דער ערד און מיר האבן געוויינט אויפ'ן חורבן בית המקדש. מיר האבן געוויינט על בית ישראל ועל עם השם שנפלו בחרב.

תיכף דערנאך איז געקומען חמשה עשר באב און מיר האבן נישט געזאגט קיין תחנון. "לא היה ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב" – עס איז נישט געווען קיין מער פרייליכע טעג פאר כלל ישראל ווי ט"ו באב. און זיי קומען איינס נאכן צווייטן; אזוי שנעל אז עס קוקט אונז אויס אז ס'איז נישט דא קיין צייט אינדערצווישן!

וואס איז פשט? נאר דאס איז אונזער ארבעט אין לעבן. מיר האבן נישט קיין שום אייגענע געפילן. מיר שפירן מיט מיט די געפילן פון דער תורה הק'. **עת לכל!** עס איז דא א צייט פאר יעדע זאך. עס איז דא א צייט צו טרויערן און א צייט זיך צו פרייען.

ווען דעם, ווען מיר טראכטן וועגן די צרות פון אנדערע מענטשן דארפן מיר האבן **מיטגעפיל** מיט זיי, קיין שום פראגע. אבער דאס מיינט נישט אז ווען דו האסט געוויסע גוטע זאכן אין לעבן זאלסטו עס נישט אנערקענען. דער אויבערשטער וויל נישט אז דו זאלסט פארקוקן פון די טובות וואס ער גיבט דיר. דער אויבערשטער וויל דו זאלסט האבן הכרת הטוב און פולקאם הנאה האבן דערפון! און אלס רעזולטאט וועסטו אים דינען מיט א פולע הארץ. דו וועסט זיין דאנקבאר און אים לויבן.

מיר דארפן האבן א מח וואס קען טון ביידע. אפילו **בשעת** מען איז בשמחה, ווען מען דערמאנט זיך פון אנדערע אידנ'ס צרות, שפירט מען מיט מיט אים. אבער דאס דארף דיך נישט אפשטעלן פון טאנצן ביי דיין טאכטער'ס חתונה.

און דערפאר, אפילו דער מענטש וואס טרויערט אויפ'ן חורבן בית המקדש און אויף די מאסן אידן וואס זענען אומגעקומען דורך די צרות און רדיפות, דארף ער אבער נישט פארלירן זיין בליק פונעם פאקט אז דער אויבערשטער האט אים געגעבן קליידער אנצוטון.

ער מאכט די ברכה "מלביש ערומים" אפילו אום תשעה באב. ער מאכט א ברכה פאר זיין גארטל, "עוזר ישראל בגבורה" אפילו אום תשעה באב. ער מאכט א ברכה אז ער קען גיין אפילו אום תשעה באב. די אלע טובות וואס ער האט אין לעבן, האבן מיר הנאה פון זיי אויך אום תשעה באב. זעען מיר פון דעם אז אפילו אינעם זעלבן טאג וואס מען זיצט און מען קלאגט, געדענקט מען אויך די טובות וואס השי"ת גיבט אונז. מען דארף נאר **ארויסווייזן** טרויער אין דעם טאג. אבער אין אנדערע טעג, חמשה עשר באב, שמחת תורה, ווייזט מען ארויס שמחה. אבער אייביג מוזן די ביידע אייגנשאפטן זיין אינעם מח.

און דאס איז וויאזוי א איד מוז זיין. א איד קען נישט זיין בלויז איין זאך. אויב איז מען נאר איין זאך איז מען א בעל מום. אויב איז מען איין זאך, האט מען פארלוירן די בחירה. א מענטש וואס לעבט האט א פרייע בחירה און ער וועלט כסדר אויס צווישן די ביידע געדאנקענגענג, אויף איר ריכטיגן ארט. און ביידע פון זיי זענען אמת. (#607)

## פראגע

## איז מותר פיינט צו האבן גוים?

### ענטפער:

איך דארפט וויסן, אז דאס איז א שאלה וואס קומט קיינמאל נישט ארויף צווישן אידן. אידן רעדן קיינמאל נישט וועגן פיינט האבן גוים. און איך וועל עס ערקלערן.

עס איז דא א מצוה פון "ואהבת לרעך כמוך" – מען דארף ליב האבן א צווייטן איד. עס איז נישט דא קיין שום מצוה ליב צו האבן נישט-אידן. ליב צו האבן נישט-אידן? אויף דעם איז בכלל נישט דא קיין מצוה.

אבער אודאי ווערט קיינער נישט באפוילן פיינט צו האבן עמיצן, ווייל שנאה האט א השפעה אויפ'ן מענטש. אויב מען האט איינעם פיינט, ווערט מען א מענטש פון האַס. די נאטור טוישט זיך. אויב א מענטש מורמלט אייביג קללות אויף גוים פאר גארנישט, ווערט ער א מושחת אין מדות.

ערליכע אידן זענען גוטהארציג און העפליך צו יעדן. "אמרו עליו על רבן יוחנן בן זכאי שלא הקדימו אדם שלום מעולם" – מען האט דערציילט אויף רבן יוחנן בן זכאי אז קיינער האט אים קיינמאל נישט געגריסט ערשט. דאס מיינט אז ער איז אלץ געווען ערשט. קיינער האט אים קיינמאל נישט ערשט געגעבן שלום. "ואפילו נכרי בשוק" – אפילו א גוי אויפ'ן גאס; ווען ער האט באגעגנט א גוי, איז ער אלץ געווען דער ערשטער צו זאגן שלום. דאס איז העפליכקייט!

דער חפץ חיים אויך. אין ראדין איז געווען שמאלע סיידוואלקס. ווען עמיצער איז קעגנגעקומען אויפ'ן סיידווארק, איז דער חפץ חיים אראפגעגאנגען און יענעם דורכגעלאזט. ער האט אייביג איבערגעגעבן דעם סיידוואלק פאר א צווייטן.

איינמאל איז ער געגאנגען און א רוסישער גענעראל איז געקומען צו גיין און דער חפץ חיים האט זיך געריקט אין דער זייט. האט דער רוסישער גענעראל געזאגט, "אלטער מענטש, פארוואס טרעטסטו אפ פאר מיר? דו ביזט אן עלטערער מענטש און דו טרעטסט אפ פאר מיר?"

האט דער חפץ חיים געענטפערט, "איך טו עס פאר יעדן."

"דו גייסט לעבן לאנג" – האט דער גענעראל געזאגט. "דו גייסט לעבן לאנג צוליב דעם." דאס איז געווען א ברכה פון א רוסישן גענעראל...

דער אמת איז, אידן זענען אייביג גוטהארציג צו יעדן, אייביג העפליך; אבער די מצוה פון ליב האבן אידן איז א ספעציפישע מצוה. עס איז נישט דא קיין מצוה **ליב צו האבן** סיי-וועם חוץ אידן.

סיי-וויאזוי, אויב מען פרעגט **פאר די אייגענע תועלת**, איז עס מותר. ס'איז נישט קיין איסור פון "לא תחנם" צו טון טובות פאר א גוי. לא תחנם איז נאר טאמער מען טוט א טובה פאר גארנישט; דאס טאר מען נישט. אבער צו טון טובות כדי צו בויען דעם אייגענעם גוטן כאראקטער, דאס מעג מען. און אלעס וואס מען טוט פאר גוים וואס פארבעסערט די אייגענע כאראקטער איז עס א גוטע זאך, ווייל מ'טוט עס פאר זיך אליינס. מען טוישט זיך צו ווערן א בעסערער מענטש. (630)

**די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת** (ענגליש)**, און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו** Signup@TorasAvigdor.org**, אדער גייט צו** torasavigdor.org**. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו** tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# אין אלע ספרים געשעפטן!

דער ספר וואס וועט
דערלייכטן אייערע אויגן,
און דערפרישן אייער נשמה!




אידיש!

## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל










**$1**
א וואך
מועדים $3

בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות




- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק







צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

**עונג שבת/גוט שבת** שע"י **מערכת להתענג**

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז 1$ א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב